STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04363

FOLK YISRAEL - VOHIN?

Ben Tsiyon Landfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בן ציון לאנדפעלד

פאָלק ישראל - וואוהין?

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע,

1947

PACIFIC COOPERATIVE PRESS
257-259 Winston St.
Los Angeles 13, Calif.
55

אַרײַנפֿיר

אין דעם בוך „איד און וועלט“ פון דעם נפטר דר. חיים זשיט־לאָווסקי (ז. 172־171, ניו־יאָרק, 1945) ווערט געזאָגט צווישן אַנ־דערס: „לאָמיר גיין כסדר: דער ציוניזם איז פאַר אָט דער צייט גוואַלדיק אויסגעוואַקסן, סיי אין דער ראַליע וואָס די באַוועגונג שפּילט אין דעם אידישן לעבן, סיי אין זײַנע פּראַקטישע דערגרייכונגען. דאָס רעכט פונם אידישן פאָלק אויסצובויען פאַר זיך אַ „נאַציאָנאַלע היים“ אין ארץ־ישראל איז אָפיציעל אַנערקענט געוואָרן פון דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די פּראַקטישע שטרעבונגען פון די ציוניסטן, וועלכע ליגן אויף דעם וועג, וואָס דאַרף פירן צו דעם אידעאַל, האָבן אַרויסגעבראַכט קאָלאָסאַלע וויכטיקע רעזולטאַטן.

דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל בויט זיך מיט אַזאַ האַסט און אַזאַ פאַרנעם, ווען וועלכע פּראַקטישע מענטשן האָבן זיך גאָר־ניט געקענט משער זיין מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. ארץ־ישראל איז שוין איצטער אַן עמיגראַציע לאַנד, וואָס נעמט אַריין אַ פופציק טויזנט נפשות אַ יאָר, און קאָן, לויט די עקאָנאָמישע מעגלאַכקייטן פון דעם לאַנד, אַריינגעמען אַ סך, אַ סך מער. קיין אַנטי־ציוניסט קאָן שוין איצטער ניט האָבן דעם מוט צו שטערן דעם אויפבוי פון אידישן ישוב, און אויף יעדן אידן, וועלכער איז ניט פאַראינטערעסירט צו שטערן דעם ישוב, ליגט נאָך מיין מיינונג נאָך דער דירעקטער חוב צו העלפן אים אין דעם בנין, לפחות אויף אַזויפיל, אַז די אויפנעם־פעאיקייט פונם לאַנד זאָל, אַ דאַנק דעם אויפבוי, פאַרגרעסערט ווערן און אַז דער אידישער עמיגראַנטן־שטראָם אַהין זאָל ניט נאָר פאַרשנעלערט ווערן, נאָר ווערן אַזוי ברייט און אימפּעטיק, ווי דאָס איז בכלל מעגלאַך אונטער די אומשטענדן. די ווירקלאַכקייט פון דעם לעבן האָט אויפ־

גערעכט גאָר אַ חשובן פּלאַץ פאַר דעם ציוניזם סיי אין דער בירגער־לאַכער, סיי אין דער אַרבעטער וועלט.“

עס וואָלט געווען די גרעסטע שאַנדע פאַר מיר, ווען דער לייענער פון מיין בראָשור, זאָל חלילה ווען אַ טראַכט טאָן, אַז איך קריטיקיר דאָ אונדזער אידישע אינטעליגענץ, די גאונים פון די „איזמען“. איך האָב מיין גרעסטן רעספּעקט פאַר זייער גרויסן וויסן. אין זייער אידעאָלאָגיע זיינען זיי געווען אויפריכטיק. אָבער די, אַזוי צו זאָגן, קרומע וועלט קען קיין שטערבלאַכער מענטש ניט אויסגלייכן. אַלע יחידים צוזאַמען באַ יעדן פאָלק קאָנען פאַרבעסערן זייער לעבן און פאַרקניפּן זיך ברידערלאַך דורך יושר און גערעכטיקייט. איך בין בטוח, ווען די אינטעליגענץ פון „סערפּ“ וואָלט לעבן אין דער איצטי־קער צייט, וואָלט זי זיך געוויס געשטעלט אויף דער זייט פון אונדזער פאָלק און וואָלט מיט איר מאכטיקער שטים אויסגעשריען צו דער סאָציאַליסטישער רעגירונג: סולו, סולו, פּנו דרך, הרימו מכשול מדרך עמי, און וואָלטן טאַקע בייגעקומען דעם מכשול.

אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך אַליין

איך בין געבאָרן געוואָרן אין רעזשישטשעוו, קיעווער גובערניע אין מאַי, 1864. זייענדיק אַ גוט און פרום אינגל און פּעאיק צום לערנען האָט מיך מיין פאָטער עליו השלום אַריינגעגעבן צו ר׳ דוד וואלעזינער, האָפנדיק, אַז זיין בן יחיד וועט אָם ירצה השם געוויס ווערן אַ רב. אָבער מיין טאַטנס האָפענונג איז צערונען געוואָרן און האָט זיך אויס־געלאָזט אין אַ גרויסן צער. צו פופצן יאָר האָב איך שוין געלערנט רוסיש און האָב שוין געקענט גוט גראַמאַטיקע. מיינע חברים האָבן מיך פאַרמסרט פאַרן רבין. דער רבי, ר׳ דודל, האָט נאָכגעשפּירט און האָט מיך צום באַדויערן געפאַקט. ער האָט מיך פּשוט אַרויסגע־טריבן פון הויז און האָט מיך אָפּגעשיקט אַהיים. עס איז ניט צום באַשרייבן מיין פאָטערס יסורים, מיין מוטערס געוויין און טאַקע מיינע אייגענע ליידן. אָבער דער יצר הרע צו לערנען די „טרפהנע״ שפּראַך האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן מיינע עלטערנס הויז. צו מיין 20־טן יאָר בין איך אַריינגעטראָטן אין די „באַראָדנע־וואָלצעס״, קיעווער קרייז. נאָך דעם פּריזיוו בין איך געוואָרן אַ לערער. צו 24 יאָר האָב איך חתונה געהאַט און פאַרדינט אויף מיין לעבן פון מיין פּראָפעסיע. צום 32־סטן יאָר מיינעם האָב איך אַוועק־געוואָרפן מיין פּראָפעסיע און זיך באַזעצט אין אָדעס מיט מיין פרוי און מיינע פיר קינדערלאַך. איך האָב באַקומען אַ שטעלע אַלס אַ פאַרטרעטער פון אַ פּעטערבורגער געזעלשאַפט. אַלס פאַרטרויענס־ווערטער פון אָטאָ דער געזעלשאַפט האָב איך געהאַט דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אין געריכט הייזער צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם געשעפט און אויפצומאָנען די חובות פון די קליענטן. אַזוי האָב איך זיך פאַראינטערעסירט אין געזעץ און האָב אָנגעהויבן לערנען יוריספּרודענץ זייער פלייסיק.

אין יאָר 1900 איז אַרויס אַ מאַניפעסט, אַז מען מעג האַלטן עקזאַמען אויף אַדוואָקאַט פאַר אַ צוזאַמענקום פון ריכטער, פאַר אידן נאָר 3%. מיט דער הילף פון דעם געשוואָרענעם אַדוואָקאַט הער גינזבורג, אַ גוטער מענטש און אַ כלל־טוער, בין איך געווען דערפאָלג־רייך און האָב באַקומען מיין דיפּלאָמע. אין 1907 נאָכן אָדעסער

פּאָגראָם פון 1905, ווען איך האָב גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער זעלבסטשוץ, בין איך געקומען אין אַמעריקע. דאַן איז געווען דאָס לעצטע יאָר אינם טערמין פון פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט. אין לאַנד איז געווען אַ שרעקלעכער קריזיס. זעלבסטפאַרשטענדלאך, האָב איך זיך שטאַרק געפּלאָגט: געפּעדלט, געפּרעסט העמדער, געווען אַ מלמד, ניט אויסצורעכענען אַלע מיינע גאָלדענע געשעפטן. אין 1912 האָב איך אַריבערגעבראַכט מיין פאַמיליע, מיין פרוי מיט מיינע אַכט קינדערלאַך.

ניט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס רעדט זיך. אַ סך יאָרן זיינען זינט דאַן אַוועק. איצט זיינען אַדאַנק גאָט אַלע קינדער פאַרהייראַט, מאַכן אַ שיינעם, אָרענטלאכן לעבן. אַזוי זיינען שוין אויך אייניקע אייניקלאך פאַרהייראַט. די לעצטע 21 יאָר האָב איך געאַרבעט פאַרן „האַיאס" פון לאָפאַלעט סט., ניו־יאָרק. געווען 21 יאָר זייער פעלד־דירעקטאָר. איך האָב באַזוכט אין 32 שטאָטן אַ סך שטעט און שטעטלאך. איך האָב אָנגעפירט געלט־קאַמפּאַניעס, געמאַכט „אַפּילס", געהאַלטן רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען, געקומען אין באַרירונג מיט אַלע קלאַסן אידן: יהודים, רבנים און ראַביים. קיין קאַלעדזש קאָן ניט געבן אַזאַ פּראַקטישן באַגריף וועגן וועלט בכלל און וועגן אונדזער אידישן פאָלק בפרט, ווי דאָס וואָס איך האָב באַקומען אין משך פון די גליקלאַכע 21 יאָר, וואָס איך בין געווען פאַרבונדן מיט אָט דער נויטיקסטער און וויכטיקסטער אינסטיטוציע „האיאס". איך זאָג, גליקלאַכע 21 יאָר, ווייל איך האָב געשאַפן גרויסע סומען געלט פאַר אַזאַ נאָבעלן צוועק ווי אַרויסהעלפן אומגליקלאַכע וואַנדערער, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע געבורטסערטער, זיך שיידן מיט זייערע ליבע, לעבעדיקע און טויטע עלטערן און פריינט, צו וואַנדערן און זוכן אַ מקום מנוחה פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. די „האיאס" איז פאַרשפּרייט אין אַלע פיר עקן פונם ערד־קוגל, גרייט אַרויסצוהעלפן דעם וואַנדערער און איבערוואַנדערער, ניט נאָר דעם אידישן, נאָר אויך דעם ניט אידן מיט זייער הכנסת־אורחים, גמילת חסדים און בקור חולים, אויסצומאַכן דאָקומענטן נויטיקע און אויך העלפן זיי איינצו־אָרדענען זיך אין זייערע נייע היימען מיט ראָט און מיט טאָט און מיט ברידערלאַכער הילף. עס איז ליב געווען מיר אָטאַ די הייליקע אַרבעט און איך האָב זי געטאָן מיט גרויס פלייס.

אין 1941 האָב איך רעזיגנירט קעגן זייער ווילן. אין 1942 בין איך געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס צוליב דעם גוטן קלימאַט און כדי צו באָדן זיך אין די שטראַלן פון דער גאָט־געבענטשטער קאַליפאָרניער זון. אויך דאָ בין איך ניט געזעסן ליידיק. איך האָב געאַרבעט אין דער פּראָספּעריטי פון דער וויסטער מלחמה, געטאָן פּאַרשיידענעס. דעם צווייטן טאָג שבועות פון יאָר 1946 האָב איך געפייערט מיין גע־בורטסטאָג. איך בין אַריינגעטראָטן אין דעם 83־טן יאָר פון מיין לעבן, און האָב אויפגעגעבן מיינע געשעפטן און באַשעפטיקונג.

איך האָב באַשלאָסן צו רוען און זיך צוגרייטן צו אַן אַנדער רואיקער וועלט . . . דאָרט, ווייזט אויס, איז זייער גוט, ווייל קיין איינער וויל פון דאָרט ניט קומען צוריק. און אפשר קענען זיי ניט? . . . מיין זכרון, גאָט צו דאַנקען, דינט מיר געטריי. איך פיל זיך גוט אויף אַלע מיינע אברים, פיל זיך בכלל יונג. איך ווינטש אַלע גוטע ערלאכע מענטשן צו דערלעבן מיינע יאָרן און ניט צו פילן זיך ערגער, זיי זאָלן לעבן לאַנגע יאָרן און קיינמאָל ניט פילן אַלט.

דאָך אַוועקצוזעצן זיך ליידיק און גאָרניט טאָן קאָן איך אויך ניט. איך מוז זיין פאַרנומען, כדי חלילה ניט אַלט צו ווערן! האָב איך זיך גענומען שרייבן די בראָשורקע. כאָטש איך בין זייער ווייט פון צו זיין אַ שרייבער, און בין עס קיינמאָל ניט געווען, גלוסט זיך אָבער צו געבן אַן איבערבליק איבער דעם גאַנג פון דער וועלט פאַר דער קורצער צייט פון מיין לעבן. ווי אַזוי עס לויפט גיך! געשעענישן, אי־דייען, מנהגים, מעטאָדן, מענטשן און זייערע כאַראַקטערן בייטן זיך. ווי אַלץ וואָלט געווען אַ פאַרפּלאָנטערטער חלום, אָט ווי מיר זעען אויף דעם לייוונט אין אַ קינעמאַטאָגראַף פאַרשיידענע בילדער, קאָ־מישע און טראַגישע, שכלדיקע און נאַרישע.

ישראל — וואוהין?

איך געדיינק גוט מיין זיידנס דור. ער איז געווען מער גייסטיק ווי מאַטעריעל. מען האָט טאַקע געלעבט אַ גלות לעבן, אָבער אַ מער אָדער ווייניק אַ רואיק לעבן, אַ לעבן פון יושר, גערעכטיקייט, אמת האַרציקע פריינטשאַפט, געטריישאַפט און גייסטיקן פאַרגעניגן. דער אמת איז געווען באַ די מענטשן אין האַרצן און האָט זיך אויך, נעבאַך, געוואַלגערט אין גאַס. דער שקר איז זיך שטענדיק געלעגן אין שול. דאָס מיינט: ווען דער מענטש איז געגאַנגען אין גאַס נאָך פרנסה, איז זיין וואָרט געווען ריינער אמת, די וואָג און די מאָס — אמת. דערפאַר, ווען ער איז געקומען אין שול אַריין און האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן, ליגנדיק מיט זיין פּנים אויף דער לינקער האַנט: אשמנו, בגדנו, גזלנו . . . איז עס דאָך געווען שקר וכזב. אָבער איצט איז פּונקט קאַפּויר. דער אמת געפינט זיך אין שול, און דער שקר וואַלגערט זיך שוין אין גאַס. היינט־צו־טאָג ווען מען גייט אין גאַס נאָך פרנסה — איז דאָס וואָרט שקר, די וואָג און די מאָס — פאַלש. ווען ער קומט אין שול און מורקעט אונטער: אשמנו, בגדנו, גזלנו . . . איז דאָס אמ׳ער אמת. און פּונקט אַזוי ערלאַך און גאַסטפריינטלאַך איז אויך געווען דאַן דער גוי.

איך געדענק גוט מיין טאַטנס דור. עפּעס אַן אומפאַרשטענדלאַכער און זייער אַן אומרואיקער. איך געדענק, עס איז געווען אין יאָר 1881, אין דער צייט פון סאָציאַלן אויפברויז, האָבן אונדזערע משכילים אָנגעפאַנגען שעמען זיך מיט דער אידישער שפּראַך און האָבן זיך שטאַרק אַסימילירט מיט דער רוסישער שפּראַך. מען האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די מגפה האָט אַרומגעכאַפּט די יוגנט. מיידלאַך אפילו האָבן זיך גענומען צו שטודירן פלייסיק די פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס און ענגעלס. איבערנאַכט זיינען זיי געוואָרן סטודענטקעס, אויסגעלאַכט טאַטע־מאַמע אין פּנים, חוזק געמאַכט פון גאָט און פון זיין תורה, האָבן זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן פון דער מאַכט מיט זייערע גאַסן־רעדעס קעגן דעם „צאַר־באַטיושקאַ״, געליאַרעמט אַ סך מער פון די ניט־אידן.

די רעוואָלוציע האָט זיך שטאַרק צופלאַקערט ניט נאָר קעגן גע־זאַלבטן צאַר, נאָר פאַר איינגאַנג אויך קעגן אידנטום, גאָט, משיחן, רעליגיע; האָט געמאַכט געשפאָט פון די אידן: „אייערע פאַרשימלטע מנהגים און פוסטער תורה". עס איז געווען אַ תהו ובהו. דער צאַר האָט גלייך געענטפערט מיט שרעקלאכע פּאָגראָמען אויף אונדזערע אומשולדיקע אידן, מיט אַבלאַוועס, אַרעסטן. ער האָט געהאַנגען, פאַרשיקט קיין סיביר יונגע קינדער מיט זייערע עלטערן — גאַנצע משפחות האָט ער אַהין פאַרשיקט! צוגענומען דאָס ביסל רעכט פון אידן צו וואוינען אין דערפער, האָט איינגעפירט די „טשערטאַ אָסיעד־לאָסטי" (באַגרענעצטע וואוינרעכט). און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה לך לך! אידן האָבן געכאַפּט דעם וואַנדערשטעקן און זיינען געלאָפן פון רוסלאַנד, וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. די רעגירונג האָט ניט געמאַכט קיין שוועריגקייטן און האָט אַרויסגעגעבן אידן פּאַספּאָרטן. אַזוי אַרום איז די לאַגע פון מיין טאַטנס דור געווען זייער אַ טרויעריקע.

מיין דור איז דאָך אונדז אַלעמען וואויל באַקאַנט. אַ דור פון איזמען: סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם, ראַדיקאַליזם, אַסימילאַציע, קאָסמאָפּאָליטיזם און ווער ווייס וויפיל נאָך! די אינטעליגענץ, די פילאָזאָפן פון די איזמען, מיט זייערע אנהענגער האָבן זיך אַריינגע־וואָרפן מיט דער גרעסטער עקשנות צו באַקעמפן דעם אַבסאָלוט, די רעליגיע און גייסטיקן פאַרגעניגן פון אַלע פעלקער בכלל און פון אידישן פאָלק בפרט. אין אַלע זייערע פאָרלעזונגען, לעקציעס, ביכער אין דער אידישער שפּראַך וואָרפן זיי זיך צום ערגסטן אויפן אידישן פאָלק און שיסן אויף אונדז אָן אַ צאָל פּסוקים פון אונדזער תנ"ך און תלמוד, אַז דער איד מוז אַרונטערוואַרפן זיין נאַרישן גלויבן אין אַ גאָט, זיין רעליגיע, גייסטיקע קולטור און פוסטע רעליגיעזע פילאָזאָ־פיע. דאַן וועט דער איד זיך אויסגלייכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער. ער וועט אָוועקוואַרפן דעם האַנדל־וואַנדל, און פון דעם האַנדלס פאָלק זאָל ווערן אַ פּראָדוקטיוו פאָלק און טאָקע מיט זיין אידישער שפּראַך, ניט העברייאיש און ניט אין דעם הייליקן לאַנד ארץ ישראל — פעי! — אַלע לענדער זיינען הייליק! אין דעם לאַנד, וואו דער איד וואוינט זאָל ער זיך אַסימילירן, אַזוי ווי די אידן אין רוסלאַנד, זיי זאָלן האָבן זייערע אייגענע טעריטאָריע, שטעט, דערפער און פעלדער אַזוי ווי ביראָ־בידזשאַן. (פונקט ווי עס זאָל זיך ווענדן אָן זיי און

פונקט ווי זיי האָבן אַ דעה אַז אין אַלע לענדער זאָל מען געבן אידן אַ שטיק טעריטאָריע! . . .) ווי לעכערלאַך איז צו הערן, אַז די אידישע אינטעליגענץ, די פילאָזאָפן פון די איזמען, פאַרמאָגן ניט קיין ברעקל חשיבות, קיין זעלבסט־רעספּעקט. זיי פילן ניט ווי זיי שפּייען זיך אַליין אין פּנים, פירן די אידן פּשוט צום אונטערגאַנג. וואָס האָבן זיי אָפּגעטאָן די פאַלשע נביאים מיט זייער לערע פון זייער נייעם אמת, אויסצוגלייכן די וועלט? האָבן זיי טאַקע אויסגעגליכן די וועלט? איז טאַקע געקומען אַ בעסערע וועלט פון שלום און פון גלייכהייט? אמת, יושר, גערעכטיקייט, מאָראַל, דרך ארץ, ליבע, אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט, שיינקייט, חשיבות — דאָס זיינען באַ זיי זאַכן פון דער פאַרגאַנגענהייט! זיי האָבן פאַרדולט די קעפּ פון דער יוגנט מיט דער איינציקער פרייהייט: אַרונטער מיט דעם וועלט־באַשאַפער, מיט דער רעליגיע, מיט גייסטיקע געפילן, מיט נשמה — און נאָר מאַטעריעלעס. און נאָר וויפיל ווער עס קאָן פאַר־כאַפּן מער, אויסרייסן פונם צווייטן, אויב ניט מיט גוטן, איז מיט מלחמה. ווער עס איז שטאַרקער און פאַרמאַגט בעסערע וואָפן — אַטאָם־באָמבעס — דער איז דער העלד. און מיט אַזעלכע העלדן רעכענען עס איצט צו פאַרזאָרגן די מענטשהייט, צו אויסגלייכן די וועלט די אויבנדערמאָנטע גאונים פון אונדזער דור מיט דעם נייעם אמת זייערן. זיי האָבן געפּריידיקט, געטומלט, אַז די בעסטע תרופה פּטור צו ווערן פון אַנטיסעמיטיזם, איז אָפּצושאַפן כשר און טריף, ווייל דאָס ברייגגט אַריין אין צאָרן דעם ניט־אידן, וואָס דער איד איז עפּעס אַן אויסנאַם מיט זיין עסן און טרינקען. זיי האָבן געפאָדערט ניט נאָר שפּראַך־אַסימילאַציע, נאָר אויך קולטור־אַסימילאַציע.

אָבער וואָס מער דער איד האָט זיך אַסימילירט, האָט זיך אַלץ שטאַרקער פאַרשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם. האָט זיך דער איד געפּרוואווט אַסימילירן רעליגיעז. אין דייטשלאַנד איז פאַרגעקומען די ערשטע און די גרעסטע אַסימילאַציע, זיינען געקומען די דייטשישע נאַציס מיט זייער געטשקע היטלער און האָבן געוויזן ווי ליב זיי האָבן די אידישע אַסימילאַטאָרן גלייך מיט אַלע אידן.

זעקס מיליאָן נפשות פון אידישן פאָלק: פרויען, מענער און קליינע קינדער שווידערלאַך געפּייניקט, געשטיקט אין די גאַז־קאַמערן, געברענט לעבעדיקע מענטשן אין קאַלך־אויוונס: מיידאַנעק, טרעבלינקע, אָסוויענטשים, דאַכאַו, בוכנוואַלד. דאָס

הייסט טאַקע אַביסל אויסגעגלייכט די וועלט! אַלע די יעניגע, וועלכע זענען אומעטום אין דער וועלט נאָר פעלערן און ווילן פאַר־בעסערן די וועלט לויט זייער פילאָסאָפיע און לויט זייערע אידעאַלן אָן דעם השם יתברך, בריינגען די גרעסטע אומגליקן אויף דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. זיי מאַכן נאָר מחלוקתן מיט זייער פּראָ־פּאַגאַנדע צווישן עלטערן און קינדער בכלל און צווישן פאָלק און פאָלק בפרט.

דער נפטר, דר. חיים זשיטלאָווסקי איז אַלעמען באַוואוסט. חוץ וואָס ער איז געווען אַ מענטש פון גרויס וויסן, אַ פילאָזאָף, איז ער אויך געווען אַ גרויסער אָראַטאָר און נאָך אַ גרעסערער פּראָפּאַגאַנ־דיסט. אין זיין פאָרטראַג „די מאַכט פון אמת״, געהאַלטן דעם 28־טן פעברואַר, 1915, זאָגט ער: „זוכנדיק דעם אמת און ניט אָפּנאַרן זיך אַליין, לויט מיינע געדאַנקען, מיין שכל און מיין האַרץ דיקטירן מיר, איז נאָר יעמאָלט, ווען איך פיל, אַז איך בין דאָ ניט דער אינדיווידואום. און ווען איך האָב דורכגענומען אַלע פאַקטן און דורכגעטראַכט אַלע אַרגומענטן, און האָב איינגעזען, אַז איך קאָן ניט אַנדערש דענקען ווי איך דענק, נאָר יעמאָלט האָב איך די געוויסהייט, אַז איך האָב אויפ־גענומען דעם „אמת״, און בין זיכער, אַז יעדער מענטש מוז דענקען ווי איך. דאָס מוז זיין דער נויטווענדיקער באַדינג פון דעם אמת, פון וועלכן דער מענטש קאָן זיך בשום אופן ניט אָפּזאָגן. זע איך אָבער, אַז דער אַנדערער טרעט אַרויס מיט אַ געדאַנק, וואָס איז פונקט דער היפוך פון מיינעם, אַז זיין געדאַנק איז דער אמת, וואָס איז אַ מוז פאַר יעדן דענקענדיקן, געזונטן, נאָרמאַלן, אמת־זוכנדיקן מענטשן, מוז איך קודם באַקאַנט ווערן מיט אַלע זיינע אַרגומענטן. אויב זיינע טעמים זיינען פונקט אַזוי שטאַרק ווי מיינע, יעמאָלט זינקען אַרונטער ביידע אמתן אונדזערע צו דער מדרגה פון אַ פערזענלאַכער מיינונג. אָבער ווען זיינע טעמים זיינען שטאַרקער פאַר מיינע, יעמאָלט האָט ער דעם אמת, און איך מוז צושטיין צו אים, און אויב מיינע אַרגו־מענטן זיינען שטאַרקער און זיינען גובר די קראַפטן פון זיינע, דער־וואַרט איך, אַז ער זאָל צושטיין צו מיר.״

און אין דעם באַשטייט די ווירקונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע!

אָבער דאָך באַווייזט ניט דר. זשיטלאָווסקי צו האָבן זיינע טעמים געבראַכט פאַר איינעם פון די אידישע גאונים און דערווייזן זיי, אַז

זיינע זיינען שטאַרקער, טאָ אויף וואָס פאַר אַ גרונט האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז זיין אמת האָט געזיגט? איז דאָך דאָס ניט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע! . . . אויך זאָגט דאָרט זשיט־לאָווסקי: „דער גאַנצער איבערנאַטירלאַכער גלויבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים, די נאַרישע איינגעשמועסטקייט, אַז מען קען דורך וועלכע ניט איז מצוות צי עבירות בין אדם למקום געפינען חן אין די אויגן פונם אויבערשטן, אָדער חלילה אַרויסרופן זיין צאָרן קעגן זיך. דער גאַנצער „שולחן ערוך" מיט זיינע תרפט אלפים דינים און מנהגים, כמעט אַלעס דאָס זיינען: „פאַרשפּיצטע פלעקער", און ווען מיר זעען, אַז פאַנאַטיקער קלייבן זיך צוזאַמען און טאַנצן אין התלהבות „מה טובו אוהליך יעקב", פלעקענער עכא ישראל, טאָרן מיר **אוודאי** קיין פאריבל ניט האָבן, ווען באַ איינעם פּלאַצט די געדולד און ער נעמט זיינע „פאַרשפּיצטע פלעקער", וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן און מאַכט אויף זיי אַ לוסטיקן „להדליק" בפני כל עם ועדה! (דאָס הייסט, אַ פרייד פייער). (זע, דר. זשיט־לאָווסקיס „איד און וועלט" ז. 94). דר. זשיטלאָווסקי איז חס וחלילה ניט קיין אפיקורס און געוויס ניט קיין אַנטיסעמיט ווי זיינע קעגנער רופן אים, נאָר ער באַגראָבט דאָס אידישע פאָלק אונטער לעבעדיקע בלומען.

דער זין פון דער מענטשלאַך־גייסטיקער קולטור איז דאָס אי־בערמענטשלאַכע, דעם מענטשנס אימפּולסיווע שטרעבונג צום רוים. דער גייסט איז דאָס אייביק לעבן. די צווייגן פון דער גייסטיקער קולטור איז די גייסטיקע פילאָסאָפיע, פון וועלכער עס שפּראָצט דער מאָראַלישער געזעץ. די פרוכט זיינען: אידעאַל, מאָראַל, אמת, ליבע, גערעכטיקייט, יושר, וויסנשאַפט, שיינקייט, איידלקייט. שטודירן די הימלען מיט יראת הכבוד און האָבן דעם באַגריף פון דער אומענד־לאַכקייט. דער גרויסער שפּינאָזע האָט געגלויבט אין גאָט, אַלס אין דער סבה פון אַלע סבות, אין דעם תכלית פון אַלע תכליתים. ער האָט געזאָגט, אַז מענטשלאַכער שכל איז אַ טייל פון געטלאַכן שכל.

דער אידעאַל האָט באַשאַפן די רעליגיע, און ניט די רעליגיע — דעם אידעאַל. רעליגיע איז אַ קאָנסטיטוציע פאַר די פעלקער ווי צו פירן זיך אין זייער לעבן. אין אָנהויב ווען דער מענטש האָט גענומען אַרויסגיין פון חיה צו מענטש, האָט זיין אידעאָלאָגיע זיך גענויטיקט אין אַ קאָנסטיטוציע כדי צו לעבן מענטשלאַך, און יעדע גרופּע האָט

זיך צוגעפּאַסט איר סדר רעליגיע נאָך איר פאַרשטאַנד און ארט. דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון געצנדינעריי. אַזוי איז עס געווען ביז אברהמס צייטן. אברהם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן פריידיקן דעם גלויבן אין איין גאָט. זינט יענער צייט האָבן זיך מענטשן אויסגעבעסערט שפּראַכלאַך און שריפטלאַך. יעדעס פאָלק האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פון זיך אייגענע דענקער, גאונים, פילאָסאָפן לויט זייער צייט. וואָס רייפער דער מענטש איז געוואָרן, אַלץ גיכער האָט ער אָנגעפאַנגען אָפּשאָפן די געצנדינעריי און גענומען זיך באַהעפטן מיט דעם איינציקן גאָט פון אברהמען. מיט זייערע אַפּאָסטאָלן האָבן זיי געשאַפן גייסטיקע קולטור, חוקים און משפּטים ביז צו היינטיקן טאָג. די שפּראַך און די רעליגיע פון יעדן פאָלק זיינען געוואָקסן פון דור צו דור, באַ יעדן דור זיינען זיי געווען ליב, הייליק און טייער. אַזוי האָט דער מענטש אין משך פון טויזנטער יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך זיין שפּראַך מיט דער רעליגיע (אַן אַטרי־בוט) וואָס דאָס מיינט שטאַרק פאַרבונדן (אומצערייסבאַר), רעאַל און שכלדיק. פון אברהמען ביז משהן זיינען געווען צען דורות. צו משהן איז אויפן באַרג סני געגעבן געוואָרן די צען געבאָט און די תורה און אירע געזעצן פאַרן גייסטיקן לעבן פון דעם פאָלק ישראל. ביז איצט האָבן די רעכט־דענקענדיקע פעלקער אָנגענומען אונדזערע צען געבאָט, משה׳ס ביבל, אונדזער תנ״ך. די נביאים זיינען באַ זיי הייליק, דוד המלך׳ס תהלים איז באַ זיי הייליק און אַזוי ווייטער. אָבער מיר האָבן פון זיי גאָרניט גענומען אַחוץ פּאָגראָמען, בושה און הריגות. האָבן זיי נאָך דעם עזות און די חוצפּה קומען צו אונדז, מיר זאָלן אָננעמען אונדזער אידיש אינגל, וואָס איז זייער משיח, און אויב ניט? וועלן מיר ניט געלייטערט ווערן און וועלן פאַרבלייבן אייביק אין גלות? און דער טייוול האַלט זיך באַ די זייטן, לאַכנדיק מיטן גרעסטן שפּאַס, וואָס זיי שיקן נאָך אונטער צו אונדז מיסיאָנערן — אידן!!...
אָבער אונדזערע סערפּיסטן האָבן זיך אַסימילירט, מיט די, באַ וועמען מיר זיינען אין גלות, און האָבן אונדז פיינט, און העלפן נאָך אַרויס זיי מיט דער גרעסטער עקשנות. צו שפּאָטן נאָך מיט מער חוצפּה ווי די ניט־אידן פון אונדזער גאָט, רעליגיע און פון אַלץ, וואָס איז אונדז הייליק (אָט ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער).

די ציוויליזאַציע שטייט אויף וויסנשאַפט, קונסט, כעמיע, מע־כאַניזם, פאָרשונג, מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. צו שאַפן אַלע באַ־

קוועמלאכקייטן פאַרן מענטשנס לעבן. איז ווען דער מענטש דענקט און האָט זיין אייגענעם „איך", איז ער זיכער אין זיין שאַפן. וואָס רייפער עס ווערט דער מענטש און וואָס מער ער שטודירט דעם אוני־ ווערז, אַלץ גרעסער איז זיין כח פון שאַפן און דערפינדן. וואָס מער דער מענטש שטודירט דעם אוניווערז און די ערד, אַלץ אַ גרעסערער דערפינדער ווערט ער און הויבט אָן איינצוזען אומענדלאַכע פּראָדו־ צירונג פאַר נייע נויטיקע און נוצלאַכע באַקוועמלאַכקייטן. אין דעם רוים זיינען צוגעגרייט די גרעסטע מאַטעריאַלן: גאַז, עלעקטריע, אַטאמא און פילע אַנדערע מאַטעריעלע שטאָפן. און אין דער ערד איז אויך צוגעגרייט פון די ביליקסטע ביז די טייערסטע מעטאַלן, דאָס זעלבע מיט שטיינער, דימענטן, כלל ניט צום אויסצורעכענען, אזוי אויך מינעראַלן, מינעראַלע וואַסערן. פרעגט זיך: ווער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן? געוויס ניט די פילאָסאָפן, גאונים, דענקער, פיזיקער, כעמיקער, צי מעכאַניקער? אָטאָ דער שאַפער אָדער באַשאַ־ פער רופט זיך גאָט. אין דעם רוים און אויך אין דער „אַטראָבע" (אינעווייניק) פון דער ערד איז דאָס אַלץ געווען זינט די וועלט שטייט. אָבער די מענטשן האָבן דאָס ניט געקאָנט באַגרייפן, ביז דער מענטש איז רייף געוואָרן. (און אַזוי ווי דער פילאָסאָף און דענקער שפינאָזע האָט באַהויפּטעט, אַז מענטשלאַכער שכל איז אַ טייל פונם געטלאַכן שכל) איז, אַז דער מענטש מיט זיין טייל פון געטלאַכן שכל איז רייף געוואָרן, האָט אָנגעהויבן לערנען, שטודירן, זיך גריבלען און אויס־ געפינען, האָט אָנגעהויבן שאַפן מיט דערפאָלג זייער בויטיקע, וואונ־ דערבאַרע באַקוועמלאַכקייטן פאַרן מענטשלאַכן לעבן (אָבער ניט צו־ ליב טויטן). אַלע רויע מאַטעריאַלן און שטאָפן, וואָס געפינען זיך אין רוים און אין דער ערד, איז צוגעגרייט פאַר אַלע קינדער פון דער ערד. יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש מיט אירע קאָמפּליצירטע אינ־ ווייניקסטע איברים און מיט איר דרויסנדיקן אויסזען איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם העכסטן באַשאַפער, ווי אויך דער גרעסטער פילפאַ־ כער קאָמפּליצירטער מענטש. אַלע פעלקער זיינען גאָטס קינדער. קיינער האָט ניט קיין מאָראַלישע רעכט צו פאַרכאַפּן גאָטס רייכטום הן פונם רוים אָדער פון דער ערד און זאָגן: עס איז מיינס! דער מענטש האָט די אַלע רויע מאַטעריאַלן ניט באַשאַפן. אַלץ וואָס דער רייפער מענטש האָט דערגרייכט איז — ער האָט אויסגעפונען און געשאַפן, ס'הייסט אויסגעאַרבעט פון די רויע מאַטעריאַלן, וואָס ער

האָט ניט באַשאַפן, נוצלאַכע און נויטווענדיקע זאַכן פאַר דער באַ־קוועמלאַכקייט פון דעם מענטשלאַכן לעבן. טאָר עס דערפאַר ניט עקספּלואַטירט ווערן, טאָר דער מענטש ניט זאָגן: עס איז מיינס און נוצן די מאַטעריאַלן פאַר צוועקן, וואָס אים לוינט זיך בעסער, אַפילו אויסצונוצן די גרעסטע טייל פון די נאַטירלאַכע שטאָפן פאַר מלחמה צוועקן און אומצוברייינגען מיליאָנען מענטשן פאַר זייערע בענעפיטן און פראָפיטן! און פאַרוואָס טוט טאַקע דער רייפער מענטש מיט דעם טייל פון גאָטס שכל אַזאַ אומרעכט קעגן זיין אייגענעם מיט־מענטשן און פאַרכאַפּט אַלץ פאַר זיך זעלבסט? איז עס טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס דער מענטש איז נאָך עגאָאיסטיש, סעלפיש און איז פאַרשיכורט פון זיין אייגענעם דערפאָלג. איז ער געוואָרן פאַרמאַ־טעריאַלעזירט און האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך זיין צודעק, זיין גייסטיקע קולטור און דעם מאָראַלישן געזעץ — אמת, ליבע, גערעכ־טיקייט, יושר. דער מענטש איז פאַרשיכורט געוואָרן, געבליבן פוסט, ניט מער ווי אַ מענטשלאַכער פנים פאַרבליבן, מעג ער אפילו זיין מי יודע ווי געלערנט און פילאָזאָפיש. דער גריכישער פאָעט סימאָנידעס זינגט: געזונט איז די איידלסטע מתנה פאַר דעם שטערבלאַכן מענטשן; די צווייטע איז שיינקייט, די דריטע איז רייכקייט (ווען עס איז געשאַפן אָן באַטרוג), די פערטע איז דער גענוס פון די געזעליקע פריינדינס אין דער געזעלשאַפט פון יונגע פריינט. דאָס זיינען אַלע לעבנס מתנות, לעבנס פרייד. (מאַקס שטירנער אין זיין בוך „דער איינצעלנער און זיין אייגנטום“, זייט 56).

אָבער די גייסטיקע מתנה, מאָראַלישע שענקייט, גייסטיקע רייכ־קייט, גייסטיקע גענוס און פרייד, שיינט שוין צו זיין באַגראָבן אַפילו באַ דעם פאָעט סימאָנידעס.

ווען מען רעדט וועגן אַן אַנטוויקלטער מענטשלאַכער געזעלשאַפט, רעדט מען אָפט אַז די געזעלשאַפט פאַרמאָגט קולטור און ציוויליזאַ־ציע. אָן קולטור וואָלט ניט מעגלאַך געווען קיין ציוויליזאַציע. אַדאַנק דער ציוויליזאַציע באַזיצט איצט דער מענטש אַ פּראַכטפול לעבן מיט אַלע באַקוועמלאַכקייטן און פאַרגעניגנס צום לעבן. אָבער אַזאַ לעבן איז נאָר אַ גשמיותדיקער פאַרגעניגן. דעם מענטשנס לעבן פאָדערט דאָך אויך אַ רוחניותדיקן פאַרגעניגן, אָן וועלכן דאָס מענטשלאַך לעבן וערט וואַכעדיק און פוסט. דער דייטשישער פילאָזאָף און דענקער

שפענגלער זאָגט: קולטור און ציוויליזאַציע זיינען דער קערפּער און דער גוף.

גייסטיקע קולטור איז די מענטשלאכע נשמה, לעבט אייביק, פאַרשאַפט רוחניותדיקן פאַרגעניגן. דער קערפּער, וואָס איז אַ צייט־ווייליקער און אַ פאַרניכטבאַרער, איז מאַטעריע מיט מאַטעריעלע פאַרגעניגנס. אַזוי איז אויך אַ פאָלק, וואָס איז פאַרשיכורט נאָר מיט זיינע מאַטעריעלע באַקוועמלאכקייטן, אָן גייסט, איז דער סימפּטאָם פון אונטערגאַנג.

די אמתע דינער פון דער מאַטעריאַליסטישער וויסנשאַפט האָבן שטאַרק געהאָפט צו באַהערשן יעדן ווינקעלע פון דעם אוניווערז, און די סערפּיסטן האָבן טאַקע געגלויבט, אַז דער וויסנשאַפטמאַן מיט זיין דערגרייכונג וועט איבערציייגן און וועט אַרונטעררייסן די שוואַר־צע מאַסקע פון די גלויביקע אין אַ גאָט, פון רעליגיע, שבת, יום־טובים. אָבער מיר ווילן האָפן, אַז די סערפּיסטן מיט אַלע ראַדיקאַלע מענטשן פון אונדזער פאָלק וועלן זיך אויסניכטערן פון דעם גרויסן דערפאַלג פון מאַטעריאַליזם און וועלן מאַכן דעם „השיבנו באַזאַד“ צום אומ־שטערבלאַכן פאָלק. דער גרויסער העברייער ב. פייגנבוים אין זיין בוך „כשר און טריפה און אַנדערע מצוות“ ווייזט אונדז אָן מיט תרפ״ט אלפים פסוקים, אַז אַלע אידישע דינים און געזעצן זיינען פּוסטע און לעכערלאכע. פון דעם תלמוד מאַכט ער דעם גרעסטן געשפּאָט. די גאַנצע תורה איז בײַ אים אַ פּוסטע מעשה. גאָט האָט ליב די פּאַס־טוכער און ניט די ערד אַרבעטער. הבל דעם פּאַסטוכס קרבן נעמט ער אָן, קין דעם ערד־אַרבעטערס — ניט. אברהם, דעם פּאַסטוך, מאַכט ער פאַר זיין אַפּאָסטאָל. משה דעם פּאַסטוך, מאַכט ער פאַרן פירער פון זיין אויסדערוויילט פאָלק. דוד דעם פּאַסטוך, קרוינט ער פאַר אַ קעניג. און אַזוי ווייטער. ער שפּייט זיך אַליין אין פּאַר־צערע. עס איז ניט כדאי אַפילו צו ריידן וועגן אַזאַ להכעיסדיקן אפּיקורוס. מיר ברענגען עס דאָ נאָר כדי אַנצעווייזן, אַז מיר ליידן מער שאַנדע פון אונדזערע אידן ווי פון די גוים.

אונדזערע סערפּיסטן ריידן צו אונדז אין נאָמען פון הייליקן אידעאַל און פון זייער נייעם אמת. דער אידעאַל איז אַ „ווידערגע־בורט“, דאָס הייסט, אַז דער איד זאָל זיך אויסגלייכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער שפּראַכלאַך, קולטורעל און נאַציאָנאַל אויף יסודות פון אַר־

בעט אַגראַרישער, אינדוסטריעלער און אינטעלעקטועלער. פון אַ האַנדל־פאָלק צו ווערן צוריק אַן אַרבעט־פאָלק, ווי גאָר אַמאָל אין דער גאָר אַלטער צייט, אַ רעזשים ווי אין דער אַלטער צייט פון אונדזערע נביאים לויט דעם אידעאַל פון די נביאים. אַזאַ שפּיי האָט אַפילו ניט געקענט טאָן דער אשמדאי צום מלך שלמה. זייער האָפענונג, וואונטש און גלויבן זיינען, אַז גאָטס וועלטל זאָל אינגאַנצן ווערן סאָציאַליזם און זיי זאָלן עס אריינבאַקומען אין זייערע הענט, און דער אַרבעטער זאָל האָבן די מאַכט און זאָל שטיין ביים רודער אין אַלע לענדער! זאָל זיך טאַקע גאָט דערבאַרעמען און אויסהיטן אַלע מענטשן פון אַזאַ ממשלת זדון, פון אַזאַ שרעקלאַכער קאַטאַסטראָפע. דאָס האָט דאָך אונדז ערשט באַוויזן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער רעגירונג, און די אַזוי אויך פאַרדאָרבענע ענגלישע קאַצישע רעגירונג, וועלכע איז איצט געוואָרן אומפאַרשעמטער און חוצפהדיקער ווי קיינמאָל פריער. איך זאָג „קאַצישע" — זי ווישט זיך אַזוי פרום, צומאַכנדיק די פרומע אייגעלאך און פאַרשאַרט אָן אַ זייט אַלע אירע אָפּמאַכן און סאָציאַליסטישע הבטחות און צוזאָגונגען איידער זי איז דערוויילט געוואָרן. פאַר דער דערוויילונג אירער האָט זי צוגעזאָגט סאָציאַלן יושר. האָט זי טאַקע באַוויזן איר יושר: זי האָט אָפּגעווישט אַלע אידישע האָפענונגען אויף ארץ ישראל. זי האָט איינגעפירט קאָנצענטראַציע לאַגערן און האָט באַלאַגערט מיט מיליטער גאַנץ ארץ ישראל. בלוט גיסט זיך אין די גאַסן. דער „פּאַרוועַרטס" האָט פאַר פרייד געשפּרונגען צען מאָל קדוש; און מיט פרום סאָציאַליסטישע־פאַרגלאָצטע אויגן, האָט ער געמאַכט שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. אַזוי ליידן מיר פון די אידן, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון גייסטיקן לעבן און האָבן אָנגענומען דעם גאָלדענעם מאַטעריאַליסטישן לעבן, וואָס אָטעמט מיט פאַלשקייט, מיט עגאָאיסטישקייט און מיט זעלבסטזיכטיקייט. אין דער אמתן — מהרסיך ומחריביך ממך יצמו.

די אַסימילאַטאָרן צוזאַמען מיט די קאָסמאָפּאָליטישע אַטעאיסטן פירן אָן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע, אַז אַלע מענטשן זאָלן ווערן איין פאָלק „מענטש". קיינע געטער, קיין רעליגיאָן. אַזאַ נאַרישקייט קאָנען זיך איינריידן נאָר מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שום באַגריף וועגן יושר, גערעכטיקייט, אמת, חשיבות, קיין זעלבסטרעספּעקט, שפּייען זיך אַליין אין פּנים. אַזאַ זעלבסטמאָרד וועט קיין שום פאָלק ניט וועלן באַגיין. עס איז פּשוט אָן אונזין. דאָך זיינען זיי פאַראַן

איבערגעגנוג און גלויבן אין זייער נאַרישער פינצטערער אידייע, אַז דאָס איז די אמתע גאולה פאַר דער מענטשהייט.

אין דער בראָשורע „די פּאַרטיידיקער פון דר. חיים זשיטלאָווסקי קעגן דעם פּאַסקוויל פון חיים ליבערמאַן", אַרויסגעגעבן פון חיים זשיטלאָווסקיס פאָלקס־קאָמיטעט אין 1944, פעלט אָן הער שלום שטערן אויף ז. 110 אויף זיינע קאָלעגן שרייבער, לערער און קולטור טוער פאַרוואָס זיי שווייגן און מאַכן ניט קיין גוואַלד, ווען אַ הונט בילט. ער זאָגט: „וואָלטן זיי געהאַט „ווירדע און געוויסן", וואָלטן זיי ניט גע־שוויגן!" דאָס איז שטויבענד צו הערן! אַז צווישן דער אידישער אינטעליגענץ זאָל זיך געפינען איינער, וואָס זאָל זאָגן אויף זיינע קאָלעגן, אַז זיי זיינען „אָן ווירדע און אָן געוויסן".
הער שטערן זאָגט: „חיים ליבערמאַן האָט געוואָרפן אַ שטיין אויף דעם תלמיד חכם דר. זשיטלאָווסקי און דער שטיין איז געפאַלן אויף דער „כנסת ישראל", וואָס האָט זיך געטוליעט און געוואַרעמט אונטער די וואַרעמע פליגל פון דר. זשיטלאָווסקין." זייט מיר מוחל, הער שטערן! צו פיל איבערטריבן, איבערגעכאַפּט די מאָס. די כנסת ישראל האָט זיך קיינמאָל ניט געטוליעט און ניט געוואָלט זיך אָנוואַ־רעמען אונטער די פליגל פון אַזאַ הייסן אָדער אפשר גאָר אַ קאַלטן אידן, וואָס איז געווען אַ 100% קעגן דער אידישער רעליגיאָן, גאָט, ארץ ישראל און דער „גייסטרייכער אידישער קולטור", פון וועלכער דר. זשיטלאָווסקי האָט געזויגן אויך זיין וויסנשאַפּט און אויסגע־שאַרפט זיין קאָפּ . . . דר. טעאָדאָר הערצל האָט געטראַכט וועגן אַ תכלית פאַרן אידישן פאָלק. ער האָט ניט געפאָדערט פון אידן אַ „ווידערגעבורט", זיך צו אַסימילירן מיט די פעלקער, באַ וועלכע מיר זיינען אין גלות, פאַרקערט, אידן זאָלן ווערן אַ נאַציע אויף אַן אייגן לאַנד פונקט ווי אַלע גרויסע און קליינע פעלקערלאַך. אָט אונטער אַזעלכע וואַרעמע פליגל האָט זיך דערפילט דער איד גאַנץ וואַרעם. אָטאָ דער פונק הערצלס פלאַקערט נאָך ביז היינט צו טאָג. נישט מער וואָס אייער נייער אמת אין דער קולטור פון מאַטעריאַליסטישן דערפאָלג האָט פאַרשיכורט אונדזער יוגנט און האָט זי אָפּגעריסן פון אידן, וואָס איז עלנד אין גלות. מיר ווינטשן, אַז די איצטיקע אידישע אינטעליגענץ זאָל זיך באַזינען מיטן שכל הישר און זאָל העלפן אונדזערע גבורים אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן מיט זייער קאַמף

באַוויזן, אַז אידן זיינען בכח צו פאַרוואַנדלען אַ מדבר אין אַ שיין, בליענד לאַנד מיט אַן אַגריקולטור געבויט אויף וויסנשאַפטלאַכע מעטאָדן, מיט פרדסים און אַזוי ווייטער.

קומט, ראַדיקאַלן! דאָס אידישע פאָלק נויטיקט זיך אין אייער הילף, וואָס עס מיינט די הילף אויך פאַר אייך אַליין און פאַר אייערע קינדער, אַפילו ווען זיי האָבן זיך שוין יאָ אַביסל אַסימילירט. וואָס, איר פרעגט, וואָסער משמורה איז איצט, אַז כלבים צועקים? האָט קרילאָוו אַ פאַבל „ה י נ ט״. וואָרפט ניט קיין שטיין אויף די הינט. די הינטישע נאַטור איז צו בילן. גייט זיך אייער וועג! הינט וועלן זיך אָנבילן און וועלן זיך פאַנאַנדערגיין. די אינטעליגענץ, וואָס שווייגט, ווייזט, אַז זי איז פיל פראַקטישער, און פאַרשטייט פיל בעסער.

אין דער זעלביקער זאַמלונג פון אַרטיקלען „קעגן די אַנפאַלער אויף דר. חיים זשיטלאָווסקין״ שרייבט הער וויליאַם עדלין אויף ז. 52־53 אַ שיינעם הספד אויפן נפטר דר. זשיטלאָווסקין ווי יעדער חסיד אויף זיין צדיק. ער רעכנט אויס באמת, וואָס פאַר אַ העלדישער רעוואָלוציאָנער דער נפטר איז געווען, געשפּאַנט מיט פעסטע טריט זיין גאַנץ לעבן. וואָס פאַר אַ וועג איז דאָס געווען? דאָס איז געווען דער וועג פון „פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט״ פון דעם אי־דישן פאָלק אויף יסודות פון אַרבעט בכלל און ערד־אַרבעט בפרט. און ווי עס ווייזט אויס האָט זיך באַ דעם הספד מר. עדלין צעכליפּעט אַזש דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט און ער האָט ניט געקאָנט פאַר־ענדיקן זיין צדיקס ווערטער: „אידן זאָלן זיך נאַציאָנאַליזירן אין די גלות לענדער, וואו זיי געפינען זיך, אָוועקוואַרפן זייער אַלטן פאַר־שימלטן גלויבן.״ דער באַטייט דערפון איז, אַז אידן אַלס פאָלק זאָלן זיין צעשפּרייט אויף אייביק צווישן אַנדערע פעלקער און עסן אַ שטיקל ברויט אין דעם זכות פון די ניט־אידישע פעלקער, ביז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט זיך אַסימילירן און וועט אינגאַנצן אונטער־גיין . . . די גלאָריע פון דר. זשיטלאָווסקין אַלס שיינער קענער, שטאַרקער רעוואָלוציאָנער, גרויסער צוציענדיקער כח, באַרימטער אָראַטאָר און נאָך גרעסערער פּראָפּאַגאַנדיסט, קאָן פון אים קיין דענ־קענדיקער מענטש ניט אַוועקנעמען, אָבער ער איז ניט געווען קיין האַרציקער איד, וואָס זאָל האָבן געוועקט דעם גלותאיד צו ווערן צו־ריק אַ פאָלק אויף זיין אייגן לאַנד. איז ער טאַקע געווען ניט מער

ווי אַ אידישיסט און אַ קעגנער פון העברעאיש. אַזוי אַרום, די אַלע גאונים, וועלכע זוכן אַ וועג אויסצוגלייכן די וועלט, אויסצובעסערן די מענטשהייט, פאַרזאָרגן, אַז יעדער איינציקער זאָל לעבן פרידלאַך און זאַט און אין אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלאַכקייט. זאָלן די פאַרשטאָרבענע אויפשטיין און זען, וואָס זייער הייליקע מי האָט גע־בראַכט! פרייהייט? געוויס, פריי פון יושר, כבוד, אמת, גערעכטי־קייט און נאָבלקייט! געבליבן פוסט, פאַרמאַטעריאַליזירט, אַ הפקר־וועלט, אַן אומברחמנותדיק לעבן. און אויף אַט דער אידישער אינ־טעליגענץ וויינט עס דער נביא: „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי״, זיינען אַוועקגעגאַנגען צו פרעמדע.

אין דעם זעלבן בוך פון די פאַרטיידיקער גיט דר. יעקב שאַצקי אין אַ שיינער ליטעראַרישער שפּראַך אַ גוטן באַגראַב דעם שיינעם תכשיט חיים ליבערמאַן און שמידט אים צום שאַנדקלאָץ פון אַ ליגנער, אַן זידלווערטער, אַן איבערגעטריבענע שבחים צו זיין רבין. ווי אַן ערלאכער מאַן גיט ער צו, אַז ער אַליין שטימט אויך ניט איין מיט אַלץ, וואָס דער נפטר האָט געשריבן. זיינע (דר. זשיטלאָווסקיס) אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע ענינים זינט דעם אָנקום פונם היטלעריזם, זיינען אים, דר. שאַצקין, ניט צום האַרצן. ער האַלט אַז זיי זיינען שעדלאַך און אומלאָגיש, פשוט ווי מען זאָגט אין צדיק בארץ. (זיי זאָלן כאָטש דר. שאַצקין ניט זידלען פאַר זיין ערלאַכקייט).

דער בעל שם טוב זכר צדיק לברכה, דער גרינדער פון פאַנאַ־טישן חסידיזם האָט אונדז, פשוטע אידן, אויך מזכה געווען מיט אַ היפש ביסל קלעריקאַלן. איך געדענק די ירידה פון חסידות און צדיקיזם נאָך פון מיין קינדהייט אין רזשישטשעוו, קיעווער גוב., וואו עס זיינען געווען צוויי צדיקים, צוויי לייבלאכע ברידער. די רייסע־רייען פון די חסידים איבער זייערע צדיקים, זייערע משונהדיקע תנועות באַ דעם דאַווענען, ווי שאָקלען זיך איןביידע זייטן און פאַטשן מיט די הענט, דערביי דער קאָפּ שטאַרק פאַרריסן און פאַרגלאָצטע אויגן, געווענדט צום אויבן, ווי זיי וואָלטן געווען איבערמענטשן. און גלויבנדיק פונקט אַזוי עקשנותדיק אין זייער אמת, אַז נאָר די צדיקים זיינען בכח ברענגען דעם גואל (משיחן). אָבער אַלע אידן מוזן ווערן חסידים און גלויבן אין די צדיקים, ווייל דאָס איז דער אַבסאָלוטער ריינער אמת איבער אַלע אמתן. פונקט ווי די פרייע „איזמען״ מיט

זייערע הייליקע אמתן. דאָך איז דער חסידיזם אַ גייסטיקע באַוועגונג. זי האָט העכערע מענטשלאַכע מדות, דאָך האָט זייער אידעאָלאָגיע געשאַפן אין דערזעלבער צייט אויך אַ סך בטלנים, וואָס קוקן ניט אויף זייער אויסזען, זייער קליידונג, אויף זייער באַנעמען זיך מיט מענטשן, און רופן אַרויס אַ געפּיל פון ניט אנגענעמקייט סיי באַ אונדז אידן ווי אויך באַ ניט אידן. היינט צו טאָג האָבן זיי זיך שוין אַביסל געענדערט און זיינען געוואָרן אַ סך מאָדערנער. די צדיקים האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן זייער הערשאַפט. לאָמיר האָפן, אַז די אַלע „איזמען" מיט זייערע אמתן וועלן אונטערגיין, פּונקט ווי די אימפּעראַטאָרן, ווי אַלעקסאַנדער מוקדון, ציי נאַפּאָלעאָן און להבדיל דער גרעסטער מערדער היטלער, וועלכע האָבן מיט מאַכט פון דער שווערד געוואָלט באַהערשן די וועלט פאַר דער טובה פון דער מענטשהייט.

אַ גזר פון אַ רעגירונג מיט דער הילף פון אַ אינטעליגענטן אידן

אין דער עפּאָכע, ווען די אידישע לאַגע האָט אָנגעהויבן ווערן אַביסל בעסער אין דייטשלאַנד, — האָט די דייטשישע רעגירונג געפאָדערט פאַרן ביסל פרייהייט אַ קרבן פון די אידן: אַ רעליגיעזע פּרייז. נעמלאך, די אידן זאָלן איבעראַנדערשן זייער רעליגיע אַזוי, אַז עס זאָל אויסזען ווי זייער קריסטלאכע. (דאָס איז געווען אַ גזר פאַר די גלות־אידן פון דער רעגירונג.) אין יענער טרויעריקער צייט האָט זיך געפונען אין דייטשלאַנד אַ ראַדיקאַלער איד און אפשר אַ סאָציאַליסט, דר. רבי אברהם גייגער.

ניט נאָר איז ער געווען אַ גרויסער קענער, נאָר ער איז געווען נאָך אַ גרעסערער און טאַלאַנטפולער פּראָפּאַגאַנדיסט און אָרגאַניזירער. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1810 און אין יאָר 1834 האָט ער אין מאַרקדענבורגער אוניווערסיטעט באַקומען דעם טיטול דאָקטער פילאָסאָפיע. אין יאָר 1840 איז ער געוואָרן ראַבינער. מיט דער הילף פון דער רעגירונג האָט ער אַרויסגעגעבן אַ צייטונג, אין וועלכער ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט, אַז אידן מוזן זיך רעפאָרמירן אויף פאָלגענדיקע פיר פּונקטן זיינע:

1) אידן זאָלן זיך מער ניט באַטראַכטן ווי אַ באַזונדער פאָלק, ווײַלע זיי זיינען ניט מער ווי אַ רעליגיעזע גרופּע פון משהס גלויבן.

2) זיי טאָרן מער ניט טראַכטן וועגן אומקערן זיך צוריק קיין ציון. זיי מוזן ווערן אַ טייל פונם פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן. די תפילות, אין וועלכע עס ווערט דערמאָנט ציון, ירושלים, משיח, צי אויסלייזונג, מוזן אַרויסגעוואָרפן ווערן.

3) אידן דאַרפן זיך באַמיען, אַז זייערע רעליגיע־פאָרמען און זייערע תפלות זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די קריסטלאַכע. גאָטס דינסט מוז זיין זונטיק און ניט שבת, מענער און פרויען דאַרפן זיין צוזאַמען ווי אין קירך, מיט בלויזע קעפּ, קיין טלית און תפילין, העברייאיש — אַרויסגעוואָרפן, ביים געבעט דאַרף שפּילן אַן אָרגל, אַ געמישטער כאָר פון אינגלאַך און מיידלאַך. דער רב דאַרף זיין אָנגעטאָן ווי אַ קריסטלאַכער גייסטלעכער.

4) אידן האָבן אַ מיסיע צו ברענגען אין דער וועלט: אמת, יושר, גערעכטיקייט. דאָס זיינען די פיר פּונקטן זייערע ביז היינט צו טאָג.

אָבער דאָ אין דעם פרייען דעמאָקראַטישן לאַנד, וואו מיר אידן האָבן די בירגערלאכע גלייכבאַרעכטיקונג, און די רעגירונג צווינגט קיינעם ניט צו רעפאָרמירן זייער רעליגיע, פאַרקערט, דאָ איז פאַראַן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייט. אַ סך מענטשן, וואָס זיינען אין זייערע געבורט לענדער געוועזן פאַרפאָלגט פאַר זייער רעליגיע, זיינען אַנטלאָפן פון זייערע רעגירונגען צו קענען אָפּהיטן פריי דאָ אין לאַנד זייער רעליגיע, וואָס איז דאָרטן געוועזן פאַרבאָטן. די רעגירונג דאָ אין לאַנד האָט פולע סימפּאַטיע און באַשיצט אַלע גלויבנס. איז דאָך גוט! זיינען מיר אידן שוין באַלד בני חורין. מעגן מיר שוין ווערן איד! מיר מוזן זיך באַדענקען! זיך צוזאַמען נעמען מיט אונדזערע געדאַנקען און געפילן און פריי זיך נעמען צו טאָן עפּעס וועגן אַן אייגן לאַנד, צו ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענער קולטור, מיט אַן אייגענער רעגירונג. גענוג צו זיין אין גלות! עס וועט קיין זאַך ניט העלפן! מען מוז ווערן דער אייגענער בעל הבית איבער דעם אייגענעם שיקזאַל, און דער קאַפּיטאַן פון דער אייגענער נשמה, זיך אַרומגאַרטלען מיט ווירדע און

מיט אַן אייגענעם שטאַרקן ווילן. ניט האָפן אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין. אם אין אני לי מי לי? אַזוי ווי אונדזערע העלדן, וואָס קעמפן אין ארץ ישראל. פאַלן אויפן שלאַכטפעלד. איידער לעבן ווי אַ הונט אין גלות איז בעסער דער טויט! ווער ווייס, וואָס מיט אונדז וועט פּאַסירן אין די פרייע לענדער, צווישן די גאָטלאָזע און יושרלאָזע מענטשן, וואָס זיינען געוואָרן פאַרמאַטעריאַליזירט. אויב מיר קאָנען אַהין ניט אַריינקומען, מוזן מיר זיי העלפן פון דעם לעצטן. אין דר. זשיטלאָווסקיס „איד און מענטש" ווערט געזאָגט: „וואָס מער מענטש דו וועסט ווערן, אַלץ מער איד וועסטו ווערן". מיר זיינען מענטשן מיט מענטשן גלייך. מיר האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך קול־טורעלע און וויסנשאַפטלאכע שאַפונגען, אַזוי אויך פּאָליטישע, קאָ־מערציעלע, פינאַנציעלע וויסנשאַפטן. מיר פאַרמאָגן ריכטער, אַדוואָ־קאַטן, דאָקטוירים, מעכאַניקער, כעמיקער, מענטשן אויף אַלע געביטן — מוזן מיר ווערן מער **איד!** און אַלס אידן און מענטשן מוזן מיר באַגרייפן און טאַקע גוט פאַרשטיין, אַז די אַלע פאַלשע נביאים, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין, ווי פאַקטיש און טאַקטיש און ווי וויסנשאַפט־לאַך זייערע טעאָריעס און זייער פילאָסאָפיע זאָלן ניט זיין, זיינען זיי אָבער זייער עקסטרעם, הפקרותדיק אויף אויסצוגלייכן און אויס־צובעסערן די וועלט. די טעאָריעס זיינען אפשר גאַנץ שיינע, אָבער אין דער פּראַקטיק זיינען זיי אומדורכפירבאַר, און זייערע זיילן מוזן פאַנאַנדערפאַלן, ווייל זייער פונדאַמענט איז געשטעלט ניט אויף איידלקייט, נאָבלקייט, שיינקייט, יושר און גערעכטיקייט, ווייט פונם גייסט, וואָס איז נשמה פון רעכט־דענקענדיקע מענטשן. די יוגנט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זייער פרייהייט, וואָס די דאָזיקע גאונים האָבן אַרויסגעשטעלט: מען מוז אַוועק פון די עלטערן, ניט גלויבן אין קיין העכערן גייסט, ווייל דאָס איז אַלט, פאַרשימלט, פוסטע, ווילדע נאַרישקייטן. אין בוך „דער איינציקער און זיין אייגנטום" זאָגט מאַקס שטירנער, און אַזוי איז אויך לויט דאַרווינס טעאָריע, אַז דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ נידעריקער איינפאַכער באַשעפע־ניש. אין דעם בוך „די וועלט און די מענטשהייט, 12 פּאַרלעזונגען איבער דער אַנטוויקלונג פון נאַטור און קולטור, ניו־יאָרק, 1923", זאָגט דר. י. מעריסאָן: „גליקלאַך איז דער מענטש, וואָס גלויבט, דען ער פאַרלאַנגט ניט קיין באַווייזע. דער מענטש איז ניט אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל און באַקומען

אַריינגעבלאָזן אין זיך אַ פּאַרטיקע נשמה פון אַ הויכער געטלאכער פּראָבע, אַ חלק אלוה ממעל. לויט די רעליגיע דערקלערט: „גאָט האָט באַשאַפן דעם גוף פון ערד און האָט אַריינגעבלאָזן אין אים אַ נשמה, וואָס איז אַ טייל פון גאָט אַליין.״ די אַנטראָפּאָלאָגיע, די וויסנשאַפט וועגן מענטשן, האָט דורכגעפאָרשט, אַז דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ נידעריקער איינפאַכער לעבעדיקער באַשעפעניש. די ערד און אַלץ, וואָס איז אין און אויף איר איז דורכגעזוכט און איז דורכגעפאָרשט געוואָרן אין דעם ליכט פונם דאַרוויניסטישן געדאַנק, כדי קלאָר צו שטעלן דעם פּלאַץ, וואָס דער מענטש פאַרנעמט אין דער נאַטור און האָט אויסגעפונען די שייכות, אין וועלכער דער מענטש שטייט צו אַלע איבעריקע ברואים און זאַכן אויף דער וועלט. ער איז ניט דער העכסטער שטאַפּל אויף דעם לייטער פון די לעבעדיקע וועזנס. עס איז שוין מער קיין ספק ניט, אַז ער איז ניט קיין גרעסערער יחסן פאַר זיין שוועסטערקינד, די „מאַלפּע״ און באַלאַנגט אפילו אין איין קלאַס מיט דער פלעדערמויז. אַפילו אין פרק שטייט: „ודע מאין באת״. די וויסנשאַפט פאַרשטייט בעסער דעם באַטייט פון „ודע מאין באת״. דער פרק זאָגט: „ודע מאין באת — מטפה סרוחה״, און מיט אַזעלכע פסוקים, וואָס קלעפּן זיך אַפילו ניט צום ענין שמירט מען אַריין צו באַווייזן, אַז אונדזער רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז אומוויסנד. מיר, דאָס אידישע פאָלק, האָבן שוין אין דעם לאַנגן עטאַפּ פון אונדזער לעבן דורכגעמאַכט אַ סך גילגולים און זיינען אַ סך מאָל פאַרפירט געוואָרן פון פאַלשע נביאים דורך זייערע געשליפענע צינגעלאַך און שאַרפזיניקע פאַלשע באַווייזן. מיר זיינען שוין דורכגעגאַנגען פייער און וואַסער און קופערנע רערן (אַ רוסיש שפּריכוואָרט). מיר דאַרפן באַגרייפן און געדענקען, אַז זייערע איידעאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדעס פאַרלייגערן אונדזער גלות מיט מער האַס, צאָרן און פיינטשאַפט קעגן אונדז.

דער גאַנצער צאָרן פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר געפינען זיך, פאַלט אויף רב ישראליקס אַנגעבויגענעם רוקן. און דער גאַנצער רב ישראל איז בסך הכל די גרויס ווי אַ „י״ (איד), און ווי קליין ער איז קאָן אים דער שטאַרקסטער ווינט ניט אויסרייסן. אַפילו ווען דער שטאַרקער „אקווילאן״ (שטורעם ווינט) קומט אָן בויגט זיך רב ישראל איין ווי אַ דין פּרוטיקל צו דער ערד, און ווען דער בייזער

אקווילאָן גייט אַריבער, איבערלאָזנדיק נאָך זיין שטורעם אַ גרויסן חורבן: אַרויסגעריסענע ריזיקע בוימער מיט די וואָרצלען ליגן אין דרויסן, שטיינערנע מויערן צעוואַלגערט, צעשטויבט, וואַסער פון ימען אַרויסגעטריבן איבער די ברעגן, פאַרפלייצט די ערד און אָפּגעווישט מענטשלאַכע ישובים פון דער ערד. הויבט זיך אויף דאָס פּרוטיקל, רב ישראל, און שטעלט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ. ער איז ניט פאַר־ניכטבאַר! אייניק מיין פאָלק, עם ישראל חי! און אַזוי איז אויך אונדזער גייסטיקע פילאָזאָפישע נייגונג. יעדער ערלאַכער פילאָזאָף, דענקער, פּראָפעסאָר און אַפילו גלחים שטודירן אונדזער גייסטרייכע פילאָזאָפיע, טייטשן זי אויס מיט באַוואונדערונג, מיט יראת הכבוד. אַנדערע ווידער פון דעם זעלבן ראַנג טייטשן אויס אַנטיסעמיטיש, מיט דער זעלבער פאַרדאָרבנקייט ווי זייער כאַראַקטער און שמירן אַריין די פּסוקים ווי זיי לוינט זיך. אַזוי טוען סיי די פּראָפּאַגאַנדיסטן פונם קריסטלאַכן גלויבן, סיי די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון די איזמען. אַזעלכע גרויסע דענקער ווי פּלאַטאָ, קאַנט, בערגסאָן, עמערסאָן, פּיי־ערבאַך און פילע אַנדערעריידן וועגן דערווירקונג פון גייסט.

סאָקראַט זאָגט: עס איז ניט גענוג מען זאָל אין אַלע זאַכן באַנוצן נאָר דעם פאַרשטאַנד אַליין. צום ערלאַכן פאַרשטאַנד דאַרף מען נאָך אויך פאַרמאָגן דאָס גוט האַרץ, טהרת הלב, דאַן ווערט דער מענטש קלוג און קאָן קומען צום שכל הישר. סאָקראַט איז דער פאָטער פון דער עטיק.

יעדע פּערזאָן איז זעלבסטזיכטיק און עגאָאיסטיש. איז עס נאָר אַ פּערזאָן אין מענטשלאַכן געשטאַלט, אָבער, ווען די פּערזאָן באַ־דענקט זיך צו ווערן מענטש, מוז זי אַרויסגיין פון איר עגאָאיזם און זעלבסטזיכטיקייט. איר האַרץ מוז גיין מיט איר גייסט, מיט איר נשמה. דאָס גלוסטיקע האַרץ ווערט „טהרת הלב". דער גרויסער, אויב ניט דער גרעסטער פילאָזאָף, דענקער, מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם אימאַנואיל קאַנט האָט באַוויזן, אַז מאָראַלישער געזעץ איז אַ גלויבן אין גאָט. גייסט איז די אומשטערבלאכע נשמה, איז אַבסאָלוט (אומאָפּטיילבאַר). קאַנט האָט גרויס יראת הכבוד פאַר דעם אויסגעשטערנטן הימל איבער אים און פאַר דעם מאָראַלישן געזעץ אין אים, וואָס גיט אים גייסטיקע פרייד און פאַרגעניגן. אַזוי

אויך דער פילאָזאָף יום זאָגט: יעדער מענטש, וואָס האָט גאָט אין זיין האַרצן, געפינט נחת רוח.

אחד העם זאָגט: אין דעם מענטשן געפינען זיך צוויי עלעמענטן: אַ פילאָזאָפישער און אַ ספּיריטועלער און לעבן פרידלאַך און אין פאַלקאָמער צענויפשטימונג און זיינען פאַראייניקט. דער גייסטיקער עלעמענט דאַרף דורכדרינגען דאָס האַרץ פון מאַטעריעלן לעבן און מאַכן אַ טייל פון דעם ספּיריטועלן לעבן. אַזוי געפינען זיך אין מענטשלאַכן געדאַנק צוויי פאַרשיידענע גאַנגען.

דער אַמעריקאַנער נאַטוראַליסט דזשיין באַרוס האָט געזאָגט: דאַרווינס לערע וועגן נאַטירלאַכן אָפּקלייב ווערט בטל ומבטל אין דעם ליכט פון די נייע ביאָלאָגישע באַגריפן. די ביאָלאָגיע האָט מער ניט קיין גרונט צו גלויבן, אַז בלינדע, פיזישע קרעפטן זיינען פאַראַנט־וואָרטלאַך פאַר דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון לעבעדיקע באַשעפענישן. און איבערהויפּט דער העכסטער און פילפאַכסטער ווי דער מענטש! מען קען ניט צולאָזן צום געדאַנק, אַז אַזאַ קאָמפּליציר־טער מעכאַניזם ווי דער מענטשלאַכער קערפּער מיט זיינע וואונדער־באַרע אברים איז אַ רעזולטאַט פון אַ בלינדן צופאַל. ניט קאָנענדיק גלויבן אין אַזאַ השערה, קומט ער, באַרוס אַלס באַרימטער נאַטוראַ־ליסט און מיט אים אויך נאָך אַנדערע ביאָלאָגיקער צום שלוס, די נאַטור איז בלינד, אָבער זי ווייס, וואָס זי וויל. די נאַטור איז דורכ־אויס אויג און זעט דורך די שפּראָץ־אייגעלאַך פון אירע בוימער און די וואָרצלען פון אירע פלאַנצונגען אַזוי גוט ווי דורך אָפּטישע נערוועז פון אירע חיות. דער מענטש איז אַ באַוואוסטזיניקער וועזן, אָבער עס עקזיסטירט אַן איבער־באַוואוסטזיניקער, און קיין פילאָסאָפיע איז ניט מסוגל צוצוקומען צום סאַמע גרונט פונם וועלטאַל. דער גייס־טיקער מענטש מוז אין גיכן געבראַכט ווערן פּנים אל פּנים מיט דער רעאַליטעט גופא.

אונדזער אידישע אינטעליגענץ, וואָס גייט איבער צו די פרעמדע, פאַלט אָן אויף אונדז מיט דער גרעסטער עקשנות און ווילן אויס־וואָרצלען אונדז אַלס פאָלק „צוליב אונדזער אייגענער טובה“, מיר זאָלן זיך, הייסט עס, נאַציאָנאַליזירן זיך צווישן די פעלקער, וואו מיר

געפינען זיך. זי וויל ניט איינזען, אַז וואָס מער דער איד נאַציאָנאַ־ליזירט זיך און אַסימילירט זיך, וואַקסט אַלץ שטאַרקער דער אַנטיסע־מיטיזם. פאַשיזם, קו־קלוקס־קלעניזם, קאָגלינסטן און פילע אַנדערע אַנטיסעמיטן פאַרמערן זיך, אָרגאַניזירן זיך אַלץ שטאַרקער. די אַסי־מילאַטאָרן ווייסן דאָס, אָבער זיי מאַכן זיך ניט־וויסנדיק. אונדזערע סאָציאַל־ראַדיקאַלע מענטשן זיינען שטאַרקע מאמינים, אַז דער פּראָ־גרעס פון דער מענטשלאַכער ציוויליזאַציע וועט אם ירצה השם גובר זיין די אַנטיסעמיטן מיט זייער אידן פיינטשאַפט. עס איז פּונקט ווי יענער רבי, וואָס האָט געהייסן זיין גבאי גיין צום פּריץ אָפּצוטראָגן די צינזן פון דער שטאָט. (דער רבי איז געווען דעם פּריצס צינז־אויפמאָנער), זאָגט דער גבאי: רבי, איך האָב מורא פאַר זיינע בייזע הינט. גיט אים דער רבי אַ פּסוק, וואָס ער זאָל זאָגן צו די הינט, וועלן אים די הינט ניט אָנרירן. איז שוין דער גבאי געגאַנגען זיכער און איז געקומען צוריק קוים אַ לעבעדיקער, אַ צעריסענער, אַ צעבי־סענער. „יאָ, רביניו, איך האָב טאַקע געזאָגט, אָבער די הינט פאַר־שטייען ניט דעם פּסוק. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף מיר, און ווען ניט אַ גוי, וואָלטן זיי מיך צעריסן אויף טויט“. אַנטיסעמיטן, פאַשיסטן פאַרשטייען ניט דעם פּסוק פון פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע.

מיט דער גרעסטער האָפענונג, אַז אַלע רעכט־דענקענדיקע אידישע ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן וועלן זיך באַזינען מיטן שכל הישר און מיט דער טהרת הלב, ווי סאָקראַט זאָגט, וועלן איינזען, אַז די עצה פון אונדזערע גוטע פריינט: מיר אידן זאָלן זיך נאַציאָנאַליזירן אין די לענדער, וואו מיר וואוינען, צעזייט צווישן אַלע פעלקער, וואָס האָבן אונדז פיינט בתכלית השנאה, וועט ניט נאָר ניט ברענגען קיין ישועה פאַר אונדזער פאָלק, נאָר פאַרקערט גאָר אַ זיכערן אונטערגאַנג, און וועלן איינזען, אַז די איינציקע הילף איז — אַלע אידן צוזאַמען, וואָס פאַר אַ אידעאַליסטן זיי זאָלן ניט זיין, זאָלן זיך אונטערגאַרטלען מיט ווירדע און מיט אייגענע כוחות זאָלן זיי אויסקעמפן אונדזער אייגן לאַנד, ניט מיט געבעט, מיט רחמנות כעני בפתח, נאָר ווי אַ פאָלק דאַרף אויפהיטן זיינע רעכט. ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. וועגן נאַציאָנאַליזירן זיך אויף אַ פרעמדן באָדן קענען מיר לערנען פון אונדזער ערשטן גרויסן גלות מצרים, וואו יוסף איז געווען שני למלך

און האָט מיט זיין געניאַלער וויסנשאַפט פון יענער צייט מציל געווען פון הונגער ניט נאָר דאָס לאַנד מצרים, נאָר אויך די אַרומיקע לענדער. האָט יוסף אַלס שני למלך אַריבערגעבראַכט זיין גאַנצע משפחה, וואָס איז בסך הכל באַשטאַנען פון זיבעציק נפשות. מיט דער צושטימונג פון דעם מלך האָט מען זיי אַוועקגעשיינקט, אַזוי צו זאָגן, אַ גרויסע טעריטאָריע, גושן, אויף היינטיקער שפּראַך וואָלט דאָס געהייסן אַ „געטאָ". די אידן האָבן זיך נאַציאָנאַליזירט, זיך אַסימילירט מיט דער שפּראַך און מיט דער קולטור, האָבן זיך געמערט און זיך גוט איינגעפעסטיקט, געוואָרן רייך פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, אויך פיר־צוכט. און אַט דער דערפאָלג זייער האָט געבראַכט די קנאה פון די איינגעבאָרענע צו די פרעמדע עברים. די גרויסע שנאה איז געוואַקסן אין די הערצער פון די מצריים, ביז עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך פרעה, האָט מען פאַרגעסן יוספן, דעם גואל פון הונגער, און אַזוי איז געקומען צום גלות מצרים. אָבער אין אַן אייגן לאַנד קאָן אַזאַ זאַך ניט פּאַסירן. אונדזערע הלוצים האָבן איבערצייגט די וועלט, אַז אידן זיינען פעאיק אויף אַלע געביטן: פלאַנצן די בעסטע פּרדסים (גערטענער), וועלדער, אַגריקולטור, בויען מאָדערנע שטעט, בליענדיקע קאָלאָניעס, האַפנס, האָספּיטעלער, שולן, אַן אוניווערסיטעט אויף אַ באָדן פון זאַמד, שטיינער, בערג און מדבריות, פאַרפעסטעטע מיט מאַלאַריע און מיט פילע אַנדערע קראַנקהייטן. די איינוואוינער זיינען געוועזן שרעקלאַך פאַראָרעמט, פאַראומרייניקט און פאַרקנעכט צו די עפענדיס (גוט־באַזיצער). ניט די אַראַבער און זייערע עפענדיס, ניט די טערקן און אויך ניט ענגלאַנד האָבן געקענט באַווייזן פאַר טויזנטער יאָרן, וואָס אַ הייפעלע אידישע חלוצים האָבן באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט. ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער: „אין נאָו טהיים". עס איז כלל ניטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך צו זיין אַ איד, הן פּראָדוק־טיוו און הן קולטורעל. קומט, אַלע פרייגעזאָגענע, פרומע און פשוטע אידן, אַלע אינאיינעם, העלפט ווערן אַ פאָלק אויפן אייגענעם באָדן און מיט אונדזערע אידישע פעאיגקייטן, מאָראַל, יושר, גערעכטיגקייט וועלן מיר געווינען אַלע אידישע פיינט פאַר די בעסטע פריינט און וועלן ווערן בני חורין.

דער רוימישער היטלער טיטוס האָט צעבראָכן די אידישע פעס־טונג פון ירושלים, האָט פאַרברענט דעם בית המקדש און געמאַכט אַ סוף צו דער אידישער מלוכה. די רוימער האָבן אויפגעשטעלט אַ טריאומף־טויער פאַר טיטוסן, ווייל ער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אידישער נאַציע אויף אייביק. דער טויער האָט געהייסן באַ זיי „די מצבה אויף דעם אידישן פאָלק". און וואָס לאָזט זיך אויס? דער שענדלאַכער טויער איז גאָר געבליבן די מצבה אויף טיטוסן און זיינע פיראַטן־רויבער, פון וועלכע עס איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן.

אָבער דאָס אידישע פאָלק לעבט! מאָנט זיין היים, בויט בליענ־דיקע קאָלאָניעס, שטעט, האַפנס, שפיטאָלן, אוניווערסיטעטן אין דעם פאַרלאָזענעם אידישן לאַנד, וואָס איז פאַר דער לאַנגער צייט פון באַלד שוין צוויי טויזנט יאָר געוואָרן אַ מדבר, פאַראַרעמט, מיט בלאָטעס נעסטן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. די מוטער־ערד איז במשך אָט־אָ דער לאַנגער צייט געלעגן אין אַ הינער־פלעט, פאַרחלשט. די פאָסעסאָרס — אַראַבער און טערקן און אַפילו די ציוויליזירטע ענגלאַנד, וואָס איז געוואָרן אַ „מאַנדאַטן", דאָס מיינט דער אָפּעקון, האָט ניט געקאָנט אויפלעבן די ערד, ביז דער לאַנדס אידישע קינדער זיינען געקומען און האָבן זי דערמינטערט. איצט בליען זאַפטיקע ארץ־ישראל פרוכטן, ווייצן, וואָס פאַרמאָגן די גרעסטע קערנער, רייז פון איין זייט און דעם צווייטן זייט: מאָדערנע שטעט, בליענדיקע קאָלאָניעס, פאַבריקן — עס איז געוואָרן אַ פראָדוקטיוו אימיגראַציע־לאַנד. די גאולה פאַרן אידישן פאָלק איז שוין נאָענט. אָבער איין זאַך מוזן מיר גוט פאַרשטיין, נעמלאַך, אַז ווען צוויי „יודן" שטייען איינער איבער דעם אַנדערן, לייענט עס זיך פאַר אַ „שווא" (פאַלש־קייט), אָבער ווען צוויי „יודן" שטייען איינער לעבן אַנדערן לייענט עס זיך „אדושם". דערפאַר דאַרפן מיר אידן וויסן ווי אַזוי צו שטיין: ניט איינס איבער דעם אַנדערן, נאָר געטריי איינס לעבן דעם אַנדערן. דעם שיינעם משל האָט געזאָגט איינער יחזקאל ליבמאַן.

קומט אַלע אידן, וואָס טראָגן נאָך דעם נאָמען איד, קומט שטעלט זיך איינער לעבן דעם צווייטן און מיט אייגענע כחות וועלן מיר באַ־

קומען און באַהערשן אונדזער לאַנד און ווערן אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך, ווערן בני חורין און דורך דעם באַקערן אונדזערע שונאים אין פריינט.

פון מיין יוגנט אָן פיל איך אַ פריינטשאַפט און רעספעקט צו אַלע פעלקער בכלל און צו מיין אידיש פאָלק בפרט. איך האָב ליב מיין פאָלק מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז עס איז אַ פאָלק, וואָס איז שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר אין גלות, צעזייט און צעשפּרייט כמעט איבערן גאַנצן ערד־קוגל, צווישן פילע נאַציאָנאַליטעטן, פאַרשיידענע שפּראַכן, קולטורן און רעליגיעס. פון אַלעמען שטייט אויס דער איד די גרעסטע פאַרפאָלגונגען, די אוממענטשלאַכסטע גזרות און אינקוויזיציעס. און ניט נאָר האָט עס זיך ניט אַסימילירט מיט די אַלע פעלקער און אונטערגעגאַנגען, ווי אַ סך אַנדערע אַמאָליקע פעלקער, וואָס זיינען שוין פאַרגעסן געוואָרן, נאָר מיר לעבן נאָך און בליען, ניט קוקנדיק אויף אונדזער שווערן ביטערן גלות, און אויף די קאַלאָסאַלע פאַרלוסטן אין מענטשן, וואָס עסליידט אונדזער פאָלק. וויפיל מענער, פרויען און קינדער זיינען אומגעקומען אין די פּאָגראָמען? פון בלבולים ווי עלילת דם? וויפיל לייבער און אַפילו גאַנצע קהלות זיינען פאַרשניטן געוואָרן על קידוש השם? וויפיל זיינען לעבעדיקערהייט געוואָרפן געוואָרן אין פייער לעבעדיקערהייט, געריסן זייערע גלידער, געצויגן זייערע אָדערן אין שפּאַניען? פון די המנס: מאַזעפּאַס, גאַנטעס, בולבעס און פון דעם לעצטן אויסוואורף היטלערן איז דאָך אָפּגערעדט. אין יעדן לאַנד, וואו מיר וויינען (ניט וואוינען) באַצאָלן מיר צו אַ טייערן פּרייז. און דאָך גיט דאָס אידישע פאָלק אין יעדן דור אַרויס פון זיך גרויסע גאונים, פילאָזאָפן, מאַטעמאַטיקער, ריכטער און פילע אַנדערע געלערנטע אויף אַלערליי געביטן אַ סך מער אין פּראָפּאָרציע ווי אַנדערע פעלקער. שוין ניט גערעדט וועגן דער גרויסער אידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט דעזערטירט, איז אַריבער אין דעם לאַגער פון די פרעמדע, ביודעים ולא ביודעים האָבן מיר אָן אומגעהויער גרויסע צאָל אידישע מענטשן פאַרלאָרן. ועל כלם שפּילן מיר נאָך אָן אָנגעזעענע ראָליע באַ אַלע פעלקער. אַלע פעלקער האַלטן, אַז דער איד איז אַ היסטאָריש פאָלק ממצרים ועד הנה, אָן עם הספר. מיר

מאַנען פון זיי אַ גרויסע ירושה, דאָס לאַנד ארץ ישראל, וואָס איז אונדזער וויגעלע פון גייסטיקער קולטור, כי מציון תצא תורה, די תורה, וואָס איז פאַרשפּרייט כמעט באַ אַלע אומות. אונדזערע נביאים האַלטן זיי הייליק, אונדזער תהלים איז ביי זיי הייליק. זיי ריידן וועגן אונדז, אַז מיר זיינען די אמתע יורשים פון ארץ ישראל, פאַרשטייט זיך, די שונאים אונדזערע צווישן די פעלקער זיינען קעגן, אָבער די ערלאכע צווישן זיי זיינען דערפאַר. אונדזערע העלדן קעמפן איצט, פאַרגיסן זייער בלוט. אַט־אָ דער קאַמף איז ווי אין קרילאָווס פאַבל „דער לייב און דער קאָמאַר״, אָבער דער קאָמאַר האָט געוואונען. לאָמיר האָפן, אַז אַזוי טאַקע וועט עס געשעען.

מיר, אידן, האָבן זיך כלל ניט מיט וואָס צו שעמען פאַר קיינע קולטורעלע פעלקער. אונדזער תנ״ך איז דאָך אַ קאָלאָסאַלער גייסטיק־קולטורעלער מאָנומענט. אונדזערע אַלטע גאונים, פילאָזאָפן, וואָס מיר אידן האָבן אַרויסגעגעבן אין די גלות־לענדער. דער גרויסער גאון, פילאָזאָף, פאָלקס־לערער, דאָקטאָר, מאַטעמאַטיקער פון אַרום אַ הונדערט יאָר צוריק, רבי לוי בן גרשן (רלב״ג), דער רמב״ם (רבי משה בן מימון), געבאָרן אין קאָרדאָווא, שפּאַניען, אין אַפּריל, 1135־טן יאָר, זיין יחוס איז פון רבי יהודה הנשיא פון דעם שטאַם פון דוד המלך. רש״י (רבי שלמה יצחקי), געבאָרן אין פראַנקרייך אין 1030־טן יאָר. ברוך שפּינאָזע, געלעבט אין 17־טן יאָרהונדערט, געשריבן אין לאַטיין וועגן עטיק. איבן גבירול, געשריבן אין שפּאַניש טעאָלאָגיע. ער שטעלט פאָר אל מיחד גם יחד, גאָט און זיין רצון. בערגסאָן האָט געשריבן אין פראַנצויזיש פילאָזאָפיע. אַזעלכע אידישע קעפּ, וואָס האָבן דעזערטירט פון אידישן פאָלק האָבן מיר אָן אַ צאָל, ווי קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט געשטאַמט פון צען דורות רבנים, אויך אונדזער אַלעמענס באַקאַנטער גאון, פּראָפעסאָר איינשטיין, דער גרויסער פי־לאָזאָף, דענקער און פיזיקער. איך קען זיי אַפּילו ניט אויסרעכענען אַלע. ביין, מיר האָבן זיך ניט מיט וואָס צו שעמען. זאָלן זיך שעמען די אַסימילאַטאָרן, זאָלן זיך שעמען די, וואָס זיינען פאַרשכורט פון מאַטעריעלן פּראָגרעס, זאָלן זיך שעמען די ביליקע ראַדיקאַלן, וואָס שפּאָטן אָפּ פון אונדזער גייסטיקער קולטור און שרייען: פאַרשימלטער סם! אַטאָ די זיינען פון אידישן פאָלק סעפּערירט, און די פרעמדע פעלקער, צו וועלכע זיי טוליען זיך שרייען צו זיי: רב איד, ווער אַ מענטש און גיי זיך צו דיין אייגן פאָלק.

ווי לאַנג און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די נאַכט פון גלות, מוז דער ליכטיקער טאָג פאָרט קומען, ווי גאָטס וואָרט איז געווען צום נביא מיכה: „און גאָט וועט משפטן צווישן פיל אומות און וועט אַנטשיידן איבער מעכטיקע פעלקער ביז אין דער ווייט. און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסער. אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד און מען וועט ניט לערנען קיין מלחמה. אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, וועל איך איינזאַמלען די וואָס הינקען און צונויפקלייבן די וואָס זיינען פאַרשטויסן, און די, וועמען איך האָב שלעכטס געטאָן. וועל איך מאַכן די הינקענדיקע פאַר אַן איבערבלייב, די דערווייטערטע פאַר אַ מעכטיקן פאָלק. און גאָט וועט קעניגן איבער זיי ביז אייביק.״

אַזוי דאַרף דענקען אַ איד אַ מענטש.